


פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת במדבר, א' סיון תשס"ז
גליון 3, מספר 26




# פרשת במדבר / שבועות

**אן אות אין ספר תורה און מתן תורה**

מ'האט שוין פיל מאל גערעדט וועגן דעם אז יעדער אידיש קינד דארף האבן אן "אות" אין איינעם פון די "ספרי תורה הכלליים" די ספרי תורה וואס מ'האט געשריבן פאר אלע אידישע קינדער און אין וועלכע אידישע קינדער האבן געקויפט אותיות.

וואס איינער פון די טעמים אויף דעם איז:

עס ווערט ערקלערט אין ספרים אז יעדער איד האט אן אות אין תורה וואס דער אות פארבינדט די נשמה פון דער אידן מיט תורה, און בשעת מען קויפט אן אות אין א ספר תורה, פארשטארקט דאס דער פארבונד פון דעם אידן מיט תורה.

דערפון איז פארשטאנדיק די גרויסע ווירקונג וואס חג השבועות, זמן מתן תורתנו, האט ספעציעל ביי די אידישע קינדער וועלכע האבן אן אות אין א ספר תורה.

יעדן יאר אין חג השבועות, זמן מתן תורתנו באקומען אידן פון דאס ניי די תורה, וואס דאס פארשטארקט און באנייט דעם פארבונד וואס אידן האבן מיט דער תורה. און ביי די אידישע קינדער וועלכע האבן אן אות אין א ספר תורה, וואס דאס פארבינדט זיי אויף א שטארקערן אופן מיט תורה, ווערט אט די ספעציעלע פארבינדונג מיט תורה באנייט און פארשטארקט יעדן יאר אין זמן מתן תורתנו.

דאס מאכט אז תורה זאל ווערן גאר נאענט צו זיי - "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו", עס איז דיר זייער נאענט, אין רעדן טראכטן און טאן. און דאס גיט זיי ספעציעלע כוחות און שטארקייט צו מנצח זיין אין זייער מלחמת היצר אזוי אויך צו קענען ארויסהעלפן די וואס געפינען זיך ארום זיי צו היטן תורה און מצוות "בפיך ובלבבך לעשותו."

*(פון דער רבי' רעדט צו קינדער משיחת י' סיון תשמ"ב)*

*טייערע קינדער שלוחים,*
*גרייט זיך 13: דער הייליקער יום טוב פון שבועות קומט 13 זיין! מיר, די גליקליכע אידן, באקומען די טייערסטע מתנה פון אויבערשטן – זיין הייליקן תורה!*
*איר, קינדער, האט א ספעציעלע פאבונד מיט זמן מתן תורתנו. ווען דער אויבערשטער האט געוואלט געבן די תורה, האט ער געבעטן אן ערב, איינער וואס וועט זיכער מאכן אז אידן וועלן היטן זיין טייערע מתנה. נאר ווען די אידן האבן געזאגט "בנינו ערבים בעדנו", אונזערע קינדער וועלן זיכער מאכן אז די תורה וועט בלייבן ביי אידן, האט דער אויבערשטער מסכים געווען 13 דעם.*
*קינדער, אין אייערע הענט ליגט דער זכות 13 היטן און פארשפרייטן די הייליקע תורה. ווען דער אויבערשטער גיט די תורה שבועות תשס"ז, מאכט זיכער זיין אין שול, ווייל גאנץ כלל ישראל ווארט אויף אייך!*
*לאמיר בעטן דעם אויבערשטן אז דעם שבועות זאלן מיר הערן תורה חדשה פון משיח צדקנו מיט די גאולה האמיתית והשלימה! קבלת התורה בשמחה ובפנימיות!*
*א. וועכטער*




*ווען די אידן האבן באקומען די תורה ביים בארג סיני, האבן זיי גלייך אנגעהויבן היטן די הלכות פון כשרות. עס איז געווען שבת, און זיי האבן ניט געקענט שחט'ן קיין בהמות אדער כשר'ן זייערע טעפ. דערפאר האבן זיי געגעסן מילכיגע עסן אנשטאט פלייש. פון יעמלאט אן איז געבליבן די מנהג צו עסן מילכיגע עסן שבועות.

נאך א סיבה פארוואס מען עסט מילכיגע עסן, איז ווייל די גמטריא פון דער ווארט "חלב" איז 40 - די זעלבע מאס פון טעג וואס משה רבינו איז געווען אויף בארג סיני.

*די תורה איז געגעבן געווארן אין א מדבר, צו באווייזן אז די תורה איז "הפקר", עס איז שייך פאר יעדער איד צו לערנען און היטן די תורה. די תורה באלאנגט צו יעדער אידן.

*די תורה הויבט זיך אן מיט די אות "ב"- בראשית, צו באווייזן א מענטש אז עס איז פאראן עפעס וואס קומט פאר מען הויבט אן לערנען די תורה, וואס דאס איז דער "א" - דער אויבערשטן. פאר מען לערנט תורה, דארף מען אנערקענען אז דאס איז די תורה פון אויבערשטן!

*מתן תורה איז געווען די חתונה צווישן דעם אויבערשטן מיט אידן. דער חתן איז דער אויבערשטער, און די כלה זיינען די אידן. די חופה איז געווען הר סיני, די מוזיק איז געווען די דינערן, און די בליצן זיינען געווען ווי די ליכט וואס מען האלט ביי א חופה. די כתובה איז די תורה!

*עס איז פאראן א מנהג ביי אסאך אידן צו ליינען מגילת רות שבועות. רות איז געווען א גיורת און ביים בארג סיני זיינען אלע אידן געווען ווי גרים ווייל מיר האבן אנגענומען די תורה.

*דוד המלך איז געבארן געווארן שבועות. דער אויבערטשער האט געמאכט א גזירה אז דוד המלך וועט ניט לעבן קיין איין טאג. ווען אדם הראשון האט זיך דערוואוסט פון דעם, האט ער אוועקגעגעבן 70 יאר פון זיין לעבן צו דוד המלך. דערפאר האט אדם הראשון נאר געלעבט 930 יאר (אנשטאטס 1,000) און דוד המלך האט געהאט א לעבן פון 70 יאר!

*חג השבועות האט דער רבי פיל מאל מעורר געווען אז מען זאל שטארקן דעם ענין פון זאגן חת"ת - חומש, תהלים און תניא יעדן טאג.

חת"ת איז פארבונדן מיט חג השבועות:

חומש -שבועות איז זמן מתן תורתנו,

תהלים -דוד המלך, וואס ער האט געשריבן ספר התהלים, איז נפטר געווארן שבועות, און

תניא -דער בעל שם טוב -וואס ער האט אנגעהויבן דרך החסידות וואס דער אלטער רבי (דער בעל התניא) האט ממשיך געווען -איז אויך נסתלק געווארן שבועות.

*די דריי הייליגע צדיקים האבן א ספעציעלע שייכות צו די גאולה שלימה.

א- משיח איז געגליכן צו משה אין זיין עניוות און זיין תורה לערנען.

ב-משיח קומט פון דוד, און וועט צוריקברייינגען מלכות בית דוד.

ג- דער בעל שם טוב האט געשריבן אז משיח האט צו אים געזאגט אז ער וועט קומען "לכשיפוצו מעינותיך חוצה..."

*דעם יאר ווען מיר קלייבן זיך צוזאמען אין אונזערע שולען צו באקומען די תורה, לאמיר זיך פארבינדן מיט די הייליקע צדיקים, און בעטן פון אויבערשטן שוין שיקן אונז די גאולה!*




## ו' סיון

דער בעל שם טוב איז באוואוסט געווארן מיט דעם וואס ער האט אנגעהויבן פארשפרייטן חסידות. ער האט געשריבן דעם ספר "כתר שם טוב", וואס דער רבי האט געבעטן זאל זיין אין יעדער חסידי'שער שטוב.

פאר זיין הסתלקות, האט דער בעל שם טוב געבעטן זיינע תלמידים אז זיי זאלן זינגען דער ניגון פון דער חסיד ר' מיכל זלאטשעווער. ווען זיי האבן געענדיקט, האט ער זיי געזאגט, אז יעדער איינער וואס זינגט דער ניגון מיט אמת'ע תשובה, וועט דער בעל שם טוב מיטזינגען און מעורר זיין רחמנות אויף אים.

דער בעל שם טוב איז נסתלק געווארן מיטוואך, דער ערשטער טאג פון שבועות, אין יאר תק"כ, און זיין אהל איז אין מזיבוש.

איבער א יאר שבועות, האט זיין תלמיד, דער מעזריטשער מגיד, איבערגענומען די נשיאות. די קייט פון חסידות האט זיך געצויגן דורך אלע דורות און וועט אונז פירן אנטקעגן משיח'ן!

# דערצייל מיר א מעשה

*דער פריערדיקער רבי האט געשריבן די פאלגענדע מעשה ווי ער האט עס געהערט פון א רבי צו א צווייטער רבי וואס דער בעל שם טוב האט אליין דערציילט...*

אויף מיין זעכצנטע געבורטס טאג, חי אלול תע"ד, בין איך געווען אין א קליינע שטאט. דער בעל הבית פון דער קליינע אכסניא וואו איך בין געווען, איז געווען א פשוט'ער איד. ער האט קוים געקענט די תפילות, און ער האט זיכער ניט געוואוסט די מיינונג פון די ווערטער וואס ער האט געזאגט. אבער איין זאך האט ער יא געוואוסט, אז ער האט א פאטער אין הימל וואס ער האט זייער ליב. יעדער זאך וואס איז צו אים געשען האט ער געזאגט, "ברוך ה' המבורך לעולם ועד!"

די נאכט פון מיין יום הולדת בין איך געגאנגן אין פעלד צו מתבונן זיין, ווי מיינע רבי"ס האבן מיט געלערנט מען זאל טאן אויפן יום הולדת. איך האב געזאגט תהילים און איך האב געטראכט אויף די "יחודים" פון די אלע הייליקע נעמען פון אויבערשטן.

אזוי אריינגעטאן בין איך געווען אין דעם, אז איך האב ניט באמערקט ווען איינער איז געקומען נענטער צו מיר. פלוצלונג האב איך געזען אליהו הנביא! איך בין געווען אזוי צופרידן אים צו זען. דאס איז געווען דער ערשטער מאל וואס איך האב געזען אליהו הנביא ווען איך בין געווען אליין. אליהו האט געהאט א גרויסע שמייכל אויף זיין הייליקע פנים.

*און דאס איז וואס ער האט צו מיר געזאגט,*

"דו האסט שטארקע כוונה צו טראכטן אויף אלע הייליגע נעמען פון אויבערשטן וואס קומען פון די ווערטער פון תהילים. אבער, דו זאלסט וויסן, אז אהרון שלמה, דער בעל הבית פון דער אכסניא, און זיין ווייב זלאטע, וואס זיי ווייסן ניט קיין יחודים וואס קומען פון די ווערטער "ברוך ה' המבורך לעולם ועד", מאכן אסאך א גרעסערע שטורעם אין הימל ווי די אלע כוונות פון גרויסע צדיקים."

דערנאך, האט מיר אליהו הנביא דערציילט וועגן די נחת רוח וואס דער אויבערטשער האט פון די פשוטע אידן: מענער, פרויען און קינדער וואס דאנקן דעם אויבערשטען א גאנצע טאג. זיי זיינע פארבונדן שטענדיק מיט דעם אויבערשטן מיט אמונה און ערנסטקייט.

פון יעמאלט אן, האב איך אנגענומען צו ברענגן מענער, פרויען און קינדער צו זינגן די לויב פון דעם אויבערשטן. איך בין ארום געגאנגן, און איך פלעג זיי פרעגן וועגן זייער געזונט, און די געזונט פון זייער קינדער. איך האב זיי געפרעגט ווי עס גייט ביי זיי אין פרנסה, און זיי האבן מיר אלע געענטפערט מיט לויב פאר'ן אויבערשטן.

א פאר יאר האב איך דאס אליין געטאן, און ביי איינע פון די איינזאמלונגען פון די צדיקים נסתרים, האבן זיי אלע אנגענומען טאן אזוי אויך.

***די ווערטער פון די בעל שם טוב, לערנען אונז ווי טייער עס איז די פשוטע פארבונד וואס אידן האבן מיטן אויבערשטן דורך זינגן זייערע לויב!***



# שבועות

- ☐ *(מיידלאך) איך האב אנגעצונדען ליכט דינסטאג ביינאכט און מיטוואך ביינאכט.
- ☐ *איך בין געבליבן אויף דער ערשטע נאכט פון שבועות (ווי לאנג מיינע עלטערן האבן מיר געלאזט)
- ☐ *איך האב געזאגט "תיקון ליל שבועות" דעם ערשטן נאכט פון שבועות.
- ☐ *איך האב געהערט ווי מען האט געליינט די עשרת הדברות אין שול.




אידער די אידן האבן באקומען די תורה, שטייט "ויחן שם ישראל נגד ההר", די אידן האבן גערוהט אנטקעגן די בארג. דער ווארט "ויחן" איז געשריבן געווארן בלשון "יחיד", ווי מען וואלט געשריבן אויף איין מענטש. וואס לערנט מען פון דעם? אז די אידן זיינען געווען ווי איין מענטש מיט איין הארץ. די אהבת און אחדות ישראל איז געווען די פאסיגע צוגרייטונג צו קבלת התורה. דאס איז א הוראה פאר אונז יעצט. מיר דארפן זיך פירן מיט אהבת ישראל צו יעדער איינער. דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו מקבל זיין די *תורה חדשה* פון משיח!

לעילוי נשמת
אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער
בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה

נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת במדבר

Kids! Fill out the answers to the puzzle below, and fax it to the Shluchim Office at (718) 221- 0985 or e-mail it to connections@shluchim.org by Wednesday

## געפין די ווערטער וואס זיינען פארבונדן מיט שבועות

| | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| צ | ס | ה | כ | צ | ל | ח | ס | מ | ת | ש | ג | ע | ח | ה | פ | ט | ר |
| ץ | ד | ק | ס | מ | צ | ס | ס | ת | ת | ו | ד | כ | י | ו | כ | מ | מ |
| ל | ל | ה | ת | צ | ר | ע | ק | י | ב | א | י | ת | ש | מ | ט | ג | ו |
| ץ | כ | ס | ס | נ | ץ | ץ | ס | נ | ק | ר | ב | ל | מ | ל | ה | ר | ע |
| א | ג | ט | ע | פ | ה | ב | ת | ד | מ | ה | ר | כ | ג | ד | י | ס | ב |
| ר | א | י | ס | ע | י | ר | ד | ו | ת | ש | ל | ע | מ | ח | מ | י | ג |
| כ | כ | נ | ת | ו | ר | ר | ע | ד | צ | ת | ץ | ל | ה | ר | ת | ו | ל |
| ה | צ | י | ח | ת | ן | ב | ת | ה | ץ | נ | כ | ץ | ח | פ | ל | ן | ה |
| ר | ג | ס | ה | מ | ד | ש | נ | ד | ע | צ | כ | פ | נ | מ | ר | נ | א |
| ו | ש | ר | ל | ג | ו | ל | כ | מ | ה | ח | ל | ב | י | צ | מ | ע | ל |
| ת | צ | ה | ל | ז | ד | ך | י | ד | ס | ע | ה | ה | ס | י | כ | ט | י |
| ן | ש | ב | ו | ע | ו | ת | נ | ו | ל | ו | ו | ת | א | ד | פ | ן | מ |
| ת | ה | ג | ה | ו | י | ת | ב | ד | צ | נ | ג | מ | א | ח | ץ | ת | ל |
| מ | ס | ש | ר | ב | ס | פ | י | ר | ת | ה | ע | ו | מ | ר | נ | ע | ך |

| | |
|---|---|
| שבועות | ערפה |
| רות | ספירת העומר |
| בועז | לג בעומר |
| נעמי | ר' עקיבא |
| דוד | חלבי |
| אלימלך | מתן תורה |
| משיח | סיון |
| גליות | הר סיני |

## הצלחה רבה

נאמען:______________________ ווי אלט:_____

אדרעס:______________________________________

אימייל:______________________

די געווינער פון פרשת בהר-בחוקותי: אברהם ישעי'ה גורארי, 11